טשערנאָוויצער בלעטער

אומאָפּהענגיקער אָרגאַן פאַר פּאָליטיק, קולטור און ווירטשאַפט.

אבאָנאַמענט: 4 חדשים: 100 ליי, האַלביערלעך: 140 ליי, פאַר א גאַנץ יאָר: 280 ליי. — אויסלאַנד: 4 דאָלאַר יערלעך.
אַנאָנסן לויטן מילימעטער־טאַריף.

דערשיינט וועכנטלעך
oooooo
איינצל־עקזעמפּלאַר 5 ליי.

„Czernowitzer Bleter“,
Ziar independent pentru politica, cultura şi economie
Redacţia şi Administraţia: Cernăuţi, str. Radu cel Mare 13
Plătibil şi justiţiabil la Cernăuţi.

נר. 8. | טשערנאָוויץ, דעם 6־טן יולי 1929. | יאָרגאַנג I.

דער פיינט פון דרויסן

צום אטענטאט אויף דער קהלה.

אונטער שווערע חבלי־לידה קומט פאַר דאס אנטשטיין פון דער קהלה. די הלוקי־דעותן און די אינערלעכע קאמפן נעמען דאָ און דאָרט אָן אַזויגע פאָרמען און קאמף־פאָזן, אַז ס'וויל זיך נישט גלויבן, אז מ'פירט א מחלוקת לשם שמים, אז מ'מיינט עפּעס צו שאַפן לטובת־הכלל. אין „יאוש קאָן מען אריינפאַלן באַטראַכטנדיק די וואַל־שלאַכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די איינצעלנע שטעט, אָבער —

ס'איז פאַראַן נאָך עפּעס ערגערס!

א היץ די צעשטערנדיקע טענדענצן אין אונזער אינערלעכן לעבן, א היץ דעם כאַאָטישן קאמף פון אלע קעגן אלע, וועגן מאנדאטן און בענקלעך איז דאָ א מאכט מהיץ פון אונז, וואָס וויל אלץ צעשטערן, כדי צו טריומפירן איבער אונזערע חורבות, וואָס וויל אונז צעשפּאלטן און אַטאָמיזירן, כדי לייכט צו באַהערשן די יידישע מאסן, כדי צו רעזשיסירן א שאך־מאַט־שפּיל פון איין „ריט“ קעגן צווייטן, פון איין בית־המדרש קעגן אנדערן.

אונטערן דעמאָקראַטישן רעזשים פונם מיניסטער מאַניו, אונטער דער מינאָריטעטן־פריינדלעכער רעגירונג פון די נאַציאָנאַל־צאַראַניסטן, אונטער דער פאָן פון די פירער פונם קאָנגרעס אין אלבא־יוליא גרייט צו דער מיניסטער וולאַד, טאַקי איינער פון די דעמאָקראַטן און פון די ליבהאבער'ס פון די נאַציאָנאַלע מיעוטים, א געזעץ וועלכער איז אויסן אריינצוּוואַרפן אין דער יידישער באַפעלקערונג די זאמען פון צעשטערונג און פון איר פאַרניכטונג אלס געזעלשאַפטלעכער קיבוץ.

אין פאַרלאַמענט געפינט זיך שוין דער פּראָיעקט וואָס וועט אויך אין גיכן ווערן דערהויבן צום געזעץ, אז יעדער ריט קען זיך אָרגאַניזירן אין א באַזונדער קהלה.

דאס מיינט, אזוי ווי קיין ריטן זענען ביי יידן נישט פאראן און אזוי ווי דער „נוסח אשכנז“ און „נוסח ספרד“ זענען נישט מער ווי וואַריאַציעס אין דער רייענפאָלגע פון תפלות, אז יעדע שיל, יעדער גרעסער מנין האָט דאס רעכט, צו צערברעכן די איינהייטלעכע אָרגאַניזאַציע פון דער אָרטיקער יידישער באַפעלקערונג און זיך אויסצורופן צו א קהלה.

דאָס מיינט ווידער נישט צולאָזן דאָס קאָנצענטרירן זיך פון מאטעריעלע און גייסטיקע כחות ארום איין צענטער, וועמענס טעטיקייט ס'קאָן אויסשטראַלן קולטורעלע און גייסטיקע מעשים און דערהויבן די יידישע מאסן צו א העכערן און בעסערן לעבנס־שטייגער.

דאס מיינט צו מאכן פון די קהלות א שפּיל־באַל פון יעדער רעגירונג, א מעגלעכקייט צו געבן יעדן מיניסטער צו צעשפּאַלטן די ייִד. באַפעלקערונג נאָך די טאָג־פאָדערונגען פון זיין פּאַרטיי.

דאס מיינט צו דערשטיקן שוין אין די קליינסטע אָנהויבן אלע די האָפענונגען אויף נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע, אויף א יידישער פאָלקס־געמיינדע אלס אָרגאַן פונם יידישן עטנישן מיעוט.

דאָס הייסט אויך צונעמען אלץ דאס, וואס מ'האָט זיך שווער דערקעמפט אין משך פון די יאָר־צענטליך אין אלט־רומעניע און בוקאָווינע און איינצופירן די איבערבלייבענישן פונם סעפּאַראַטיזם פון זיבנבירגן אין דעם אמאָליקן אונגאַרן.

די שפּאַלטונג אין אָרטאָדאָקסן, נעאָלאָגן און סטאַטוס־קוואָ־קהלות די צעריסנקייט אין דרייען, וועלכע מ'טרעפט ביי דער יידישער באַפעלקערונג אין זיבנבירגן, דאס זאָל איבערגעפלאַנצט ווערן אין גאַנצן לאַנד.

די אונגארישע יידן אימפּאָנירן דעם הער מיניסטער! זייער עקשנותדיק קלעבן אין דער אונגארישער שפּראַך, זייער ראָל אלס מאַגאַריזאַטאָרן, זייער אָפּגעבן זיך נאָר מיט ענינים פונם דת און אפילו נישט וועלן וויסן פון דעם וואָס ס'רופט זיך נאַציאָנאַלע מינאָריטעט — דאס איז דאָס ריכטיקע, אזוי זענען גוט די יידן. און דער הער וולאַד גלויבט, אז ער וועט געבנדיק די רומענישע יידן די זעלביקע „פרייהייט“ וועלן זיי מיט דער צייט אויך אזוי ווערן!

ס'איז א ווייטער בליק, ס'איז דאס בעסטע מיטל פון א רעגירונג איין מאָל פאַר אלע מאָל פטור צו ווערן די פאָדערונגען פון יידן אלס א באַזונדערע נאַציע!

קיין שטאַרקערע באַקטעריע האָט מען נישט געקאָנט אַרויסגעפינען!

מיט וועלכן רעכט נאָר ערלויבט זיך דער מיניסטער צו מאכן די אָפּענדערונגען? נישט פרעגנדיק ביי קיין שום יידישער אינסטאַנץ. נישט הערנדיק די מיינונג פונם יידישן פאַרלאַמענטס־קלוב, נישט פונם פאָרשטייער פון יידישן קולט אין סענאַט און אויך נישט פון דער פאַראייניקונג פון די קהלות אין אלט־רומעניע, באַראַטן נאָר פון פאַרשוינען וואָס אַרבעטן אין פינסטערן, טרעט דער מיניסטער אַרויס קעגן דער קאָנסטיטוציע, קעגן אלע ביזאַנטיקע באַשטימונגען פונם געזעץ און מישט זיך אריין אין אן ענין, וואָס איז אן אינערלעכער יידישער, וועלכן די יידישע באַפעלקערונג אליין וועט פאַרענטפערן, אויב ס'וועט שטיין אויפן טאָג־אָרדנונג.

נאָך איז נישט גאַנץ צו טייל געוואָרן די פרייד פון דער עמאַנציפּאַציע אלס בירגער און שוין א נייע סכנה: די פרייהייט פון דער קהלה! און דאס וואס ס'וואָלט דערזעלביקער הער וולאַד נישט געוואַגט צו אונטערנעמען אקעגן אן אנדערן קולט, טוט ער גאַנץ רוהיק קעגן די יידן. די פּראָטעסטן פון יד פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, די אודיענצן ביים פּרעמיער און ביי דער רעגענטשאַפט, די באַראַטונגען מיטן קולטוס־מיניסטער האָבן ביז איצט צו נאָר נישט געפירט. וואָלאַד וויל אזוי — און ס'בלייבט אזוי.

איינציק און אליין איז די האָפנונג אויף דער יידישער באַפעלקערונג, אז זי וועט נישט באַנוצן זיך מיט דעם געזעץ, און כאָטש צעריסן אין קאמף ארום דער קהלה, וועט זי קיינמאָל נישט צולאָזן, אז די קהלה, אליין זאָל צעריסן ווערן, אז אונזער אינערלעך יידיש לעבן זאָל באַהערשט ווערן באַלד פון דעם אָדער יענעם מיניסטער און אז מיר זאָלן זיין נישט מער ווי א „נוסח“, א פאַרייניקונג וואָס זאָגט „ברוך שאמר“ אזוי אָדער אנדערש און אָרגאַניזירט זיך צוליב דעם אין באַזונדערע קהלות...

אין משך פון יאָרהונדערטער האָבן מיר געשאַפן אין דער קהלה אן אויטאָנאָמען צענטער פון יידישקייט, פון יידישקייט אין ברייטערן פאַרנעם פון וואָרט און איצט ווען מיר גרייטן זיך זי איבערצובויען אנטשפּרעכנט דער נייער צייט צוגעפּאַסט די איצטיקע נייטן און פאָדערונגען, מוזן מיר אלע אינאיינעם זי שיצן קודם כל פאַרן אטענטאט, וואָס קומט פון דרויסן, און וויל זי צעשטערן!

ש. א. סופר.

די וואך.

דער ענגלישער מעזאזש וועט ארומנעמען 12 פונקטן פון וועלכע ס'איז צו דערמאָנען: די אלגעמיינע אנטוואָפנונג און ענגלאנדס באציונגען צו די פאַראייניקטע שטאַטן, די באַציונגען צו די סאָוויעטן, דער וואשינגטאָנער 8־שעהדיקער ארבעטס־טאָג, די ארבעטס־לאָזיקייט, די עוואַקואַציע פון ריין־געביט, ארבעטס־פּראָבלעמען אין בערג־ווערק, רעכט פון פּראָפ. פאַריינען, דירה־פראַגן און פּענסיעס פאַר אלמנות.

*

די זאָרג וועגן דער ארבעטסלאָזיקייט צווינגט די ענגלישע רעגירונג צו זוכן פאַרשידענע מיטלען זי צו באַקעמפן. ס'ווערט געפּלאַנט א גרויסע עמיגראַציע קיין קאַנאַדאַ און דער בוי פון א טונעל דורכן קאנאַל לא מאַנש.

*

דער פריהעריקער מיניסטער־פּרעמיער פון בולגאַריע ראַדאָסלאַוואָו, וועלכער איז פאַרמשפּט געוואָרן צו לעבנסלענגלעכן ארעסט, איז פונם פאַרלאַמענט אמנעסטירט געוואָרן. נאָר די רומענישע אָליגאַרכן ווילן נישט באַפרייען בוזשאָרן!

*

די אמעריקאַנישע רעגירונג האָט אָפּגעוואָרפן פראַנקרייכס בקשה וועגן אָפּלייגן דעם טערמין פון דער אויגוסט־ראַטע. דאס האָט מיטגעהאָלפן די פראַנצויזישע רעגירונג צו באַשטימען לאָנדאָן אלס קאָנפערענץ־אָרט פאַרן באַשליסן פונם יונג־פּלאַן.

*

דער רייכסטער פירשט פון דער וועלט, דער באַהערשער פון האידעראַבאַד האָט זיך געזענדעט

דער אלטער שפּיל.

ס'ווייזט זיך אלץ וואָס אַמאָל מער ארויס, וואָס פאַר א גוטע אַקטיאָרן ס'זענען די ליבעראלן. זיי באַהערשן דעם פּאָליטישן רעפּערטואַר פון א ביז ת און ס'דאַרף נאָר א דריי טון מיטן דיריזשענטן־שטעקעלע ווינטילא בראַטיאַנו און שוין באַווייזן זיי זיך, די אלע קונצן־מאַכערס, איפּערודרנדיק א גאַנצן געטומל אין פּאָליטישן לעבן פונם לאַנד. תמיד איז עס אזוי געווען. די ליבעראלן באטראכטן די צייט, אין וועלכער זיי פירן נישט אָן מיט דער רעגירונג, פאַר א מין „אורלויב“ און קוים האָבן זיי זיך שוין גענוג „אויסגערוט“ גיט ווינטילא א ווינק און דער עולם נעמט זיך ווידער צו דער „אַרבעט“. אזוי איז עס אויך געווען אצינד. ס'האָט זיך צעלאָזט טאַקע דער שעף בכבודו ובעצמו מיטן גאַנצן גענעראַל־

צו דער אינדישער באַנק מ'זאָל פון איר איבערנעמען 650.000 פונט, ווייל זיינע שאַץ־קאַמערן קאָנען נישט אריינעמען מער אזויפיל גאָלד און זילבער.

*

די שפּאַנישע אוויאַטיקער פון דער „נומאַנאַציע“ פון וועלכע מ'האָט נישט געהערט, זענען געפונען געוואָרן אויף אן אינזעל פון די אזאָרן אין א גוטן צושטאַנד.

*

די אדמיניסטראַטיוו־רעפאָרם וועלכע איז צוגעגרייט פון דער רעגירונג האָט גרויסע מניעות מצד די ליבעראלן, וועלכע פאָדערן אז מ'זאָל די באַראַטונג פונם געזעץ אָפּלייגן פאַרן הערבסט.

*

אין שוים פון דער רעגירונג ווערט צוגעגרייט א געזעץ צו העכערן די שטייערן, דאָס ווייזט אויס איז דאָס לייכטעסטע וואָס יעדע רעגירונג קאָן באַשליסן.

*

גריגאָרע פיליפּעסקו האָט אונז מזכה געווען מיט א נייער פּאַרטיי א. נ. „וולאד צעפּעש“ דער פּראָגראַם איז א פאַשיסטישער. די פּאַרטיי האָט שוין אָפּגעהאַלטן א פאַרזאַמלונג, און אויפגעפאָדערט די רעגירונג זאָל דעמיסיאָנירן אויב זי קאָן נישט באַזייטיקן דעם באַקשיש פונם עפנטלעכן לעבן. א גוטער דעקמאַנטל פאַר מוסאַלינים תורה!

*

די טשערנאָוויצער ארבעטערשאַפט האָט אָפּגעהאַלטן א גרויסע פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג קעגן דעם פּראָיעקט פונם פאַרקריפּלטן פרויען־וואַלרעכט און קעגן דער העכערונג פון די שטייערן.

*

די ליבעראלן האָבן באַשלאָסן זיך צוריקצוציען פונם פאַרלאַמענט און נישט מער אנטייל צו נעמען אין די לעגיסלאַטיווע ארבעטן. מיט אווערעסקון האָבן זיי אָן אָפּמאַך אויף א געמיינזאַמער אָפּאָזיציאָנעלער פּאָליטיק.

*

דאָס שוועדישע קאָנזאָרציום קריגער איבערנעמט די וואָך דעם אינזווענטאַר פון די רומענישע שוועבעלעך־פאַבריקן און וועט אינגיכן אָנהויבן מיט דער פּראָדוקציע.

*

צו הערבסט־צייט וועט א דעלעגאַציע פונם סאָצ. אינטערנאַציאָנאַל באַשטייענדיק פון וואַנדערוועלדע, לעבע, דע ברוקער, בלום און א פירער פון דער פּ. פּ. ס. באַזוכן ארץ־ישראל. דער באַזוך וועט האָבן א גרויסע באַדייטונג פאַרן ווייטערן אויפבוי פונם לאַנד.

שטאב איבער די נייע פּראָווינצן און אָפּגעהאַלטן א רייע פאַרזאַמלונגען מיט דער טאָג-אָרדנונג: „באַזייטיקן פון דער איצטיקער רעגירונג". באלד דערויף איז ווינטילא בראַטיאַנו דערשינען ביי דער רעגענטשאַפט און איר פאַרגעשלאָגן די „רעזאָלוציעס", וואס זענען אָנגענומען געוואָרן, פאָדערנדיק א „קאָנצענטראַציע-רעגירונג". דער צווייטער „אָפּאָזיציאָנעלער פירער" דר. לופּו האט זיך תיכף ומיד אויך משתדל געווען ביי דער רעגענטשאַפט און ווי צוויי מוז אויך זיין א דריטער:

דער גענעראל אווערעסקו, „שעף" פון דער „פאָלקס-פאַרטיי". און אלע אינאיינעם וועלן זיי „ראַטעווען" דאס לאַנד פון די „געפערלעכע סכנות", אין וועלכע זי איז אריינגעבראַכט געוואָרן דורך דער איצטיקער רעגירונג.

די ליבעראַלן האבן ווידער באַקומען די תשוקה נאָך דער מאַכט. ביז איצט האבן זיי באַוויזן, אז ס'ווערט אַלץ געטון לויט זייער ווילן. אפילו די איצטיקע נאַציאָנאַל-צאַראַניסטישע רעגירונג האט אלע אירע מעשים געטון אין הסכם מיט דער „קאָנטינויטעט", כדי נישט אָנצושטויסן זיך אין ווידערשטאַנד פון די ליבעראַלן. און אויב דער פּראָיעקטירטער אַדמיניסטראַטיוו-געזעץ זאל וועלן צוליב דער פראַגע פון „דעצענטראַליזאַציע" און „אוניפיקאַציע" דער אבן-נגף, אזוי איז דאס נישט מער ווי א תירוץ, איינער פון די תירוצים, וועלכן די ליבעראַלן האבן תמיד געפונען, אז דאס לאַנד איז געווען אין א „סכנה".

מ'קאָן און מ'מוז האבן א סך, גאר א סך פּרעטענציעס צו דער איצטיקער רעגירונג. איר פּראַקטיק איז גאר ווייט פון די שיינע טעאָריעס פון אַלבאַ-יוליאַ און פון די צייטן פון אָפּאָזיציע. אבער די ליבעראַלן? מיט וועלכן רעכט שטעלן זיי זיך איצט אוועק פאר די פאַרטיידיקערס פון דעמאָקראַטיע, פאַרזאַמלונגס-פרייהייט? מיט וועלכער לעגיטימאַציע ווילן זיי דאס פאָלק שיצן פאר קאָרופּציע, שטייער-באַדריקונג וכדומה?

נאר רומעניע איז דאס לאַנד פון אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן. די ליבעראַלן שטעלן מיט זיך פאָר נאָך א גרויסע מאַכט, זיי האבן די ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס אין זייערע הענט און ס'קאָן דערפאַר קיינער נישט וויסן, וואס דער מאָרגן וועט ברענגען. .'.

——

איז וואס האנדלט זיך?

צו די קהלה-וואלן אין טשערנאָוויץ.

א קורצע באַטראַכטונג אויף די צוגרייטונגען פון די איינצלנע פאַרטייען צו די קהלה-וואלן באַווייזט א אומעטיקע דערשיינונג. אין ערך 8 אדער 9 פאַרטייען שטייען אין דער וואל-„מלחמה". מ'וואלט געקאָנט מיינען, אז אויף דער יידישער גאס גייט אָן אזא מין לעבעדיקער אידעאָלאָגישער קאַמף, אז פּשוט א מלחמה מוז געפירט ווערן. קאַמף איז לעבן און דער קאַמף פון אידייען איז זיכער זער א וויכטיקע דערשיינונג. אבער באַמערקט זיך דאס ביי אונז?

צוקוקנדיק זיך נענטער, מוז מען ענטפערן קאַטעגאָריש: ניין! אלע אונזערע פאַרטיי-פירערס האבן גאר אנדערע דאגות, ווי זיך צו פאַרנעמען מיטן פאַרשפּרייטן פון פּאָליטישער און קולטורעלער אויפקלערונג צווישן די מאַסן.

לכתחילה מוז געמאַכט ווערן א שאַרפער חילוק צווישן בירגערטום און די סאָציאַליסטישע פאַרטייען, קודם כל די בירגערלעכע פאַרטייען. ס'האט זיך באַוויזן א מין קרענקלעכע אמביציע ביי א טייל אינטעליגענטן און גלאַט „כלל-טוערס", וואס מיינען, אז ס'קומט זיי א מאַנדאַט. מ'האט פאַרלוירן א יעדע בושה און גאַנץ אָפן פּרעזענטירט מען זיך פאַר דער עפנטלעכקייט מיט די ווערטער: „איך וויל א מאַנדאַט". ווער רעדט פון א אידעאַלאַנישן שטאַנדפּונקט, צו וואס טויג א פּראָגראַם, וועמען פעלן פּרינציפּן?! אין א צייט פון שווערן ווירטשאַפטלעכן קריזיס און קולטורעלער ירידה בפרט ביי דער יידישער באַפעלקערונג, האבן אונזערע „פאַרזאָרגערס" מכל המינים נאר איין דאגה: צו כאַפּן א מאַנדאַט. ס'האט די געזעלשאַפטלעכע דעגענעראַציע אָנגענומען אַזעלכע פאָרמען, אז ס'איז פּשוט א חוזק, אז מ'באַטראַכט זיך די איינצלנע „פאַרטייען". עס פרעגט זיך נאר, צי וועלן די 65 קאַנדידאַטן פון א צעטל נישט אַליין שטימען קענען זייער „ליסטן-פירער", נישט פאַרגינענדיק אים דעם „מאַנדאַט".

וואס נענטער ס'קומט דער וואל-טאָג, אַלץ מער „צדיקים" און „חסידים" ווערן גילד אין די אנדערע פאַרטייען. דער חילוק ווערט נאר א „קוואַנטיטאַטיווער" און נישט קיין „קוואַליטאַטיווער", ד. ה. איינער איז פּויל, דער אנדערער נישט, היט ער אָפּ אַלע תרי"ג מצוות. אזוי קאָרומפּירט די פּאָליטיק מענטשן וואס פּרעטענדירן מיט ערנסט צו זיין די פאָלקס-פירערס.

אויך אונזערע „אָרטאָדאָקסן" מיינען נאר די קניידלעך און נישט די הגדה. זיי גלייבן אויך נישט אין ערנסט פון דעם „פּראָגראַם". פון דער אַנדערער זייט זענען זיי פאַנאַטיש-אינטראַנסיגענט אזוי, אז זיי זענען גרייט צו לאָזן שטאַרבן מענטשן אבי „בשרית" זאל אָפּגעהיט ווערן. דאַכט זיך, דא ליגט די גרעסטע געפאַר פאַרן פאָלק און אויב היפּאָקריזיע און צביעות פאַרגיפטן די עפנטלעכע מיינונג, דראָט פון דאַנען די גרעסטע סכנה און „חטאתי" וועלן נאָך שרייען און קלאַפּן זיך אין האַרץ אריין אלע די, וואס פלעקן אויס די שוואַרצע מאַכט פון פאַנאַטישער אומטאָלעראַנץ.

לויט מיין מיין, מוזן אלע די, וואס ווילן האבן א פרייהייטלעכע ריכטונג אין דער קומענדיקער קהלה-פאַרוואַלטונג, זאלן זיך גרופּירן ארום די לינקע פאַרטייען, וועלכע גאַראַנטירן צוליב זייער וועלט-אַנשויונג און צוליב דער ביזאַיצטיקער טעטיקייט, אז די קהלה וועט פאַרוואַלטעט ווערן אָרדנטלעך און ערלעך (דאס איז היינט דער עיקר) און אז די קולטור-אַרבעט וועט געפירט ווערן פאַרן פאָלק אויף יידיש. פאַר אנדערע פּוסטע אילוזיעס איז איצט נישט קיין צייט!

לופוס.

י. בערנפעלד.

די יידישע בוך-פּראָדוקציע

אין יאָר 1926|27

(סוף).

דער דעצימאַלער סיסטעם, לויט וועלכן די קלאַסיפיקאַציע פון די ביכער איז דורכגעפירט, גרופּירט זיי אין צען אָפּטיילונגען, וואס נעמען ארום אלע געביטן פון דער ליטעראַטור. צום באַדויערן קאָן אָט דער סיסטעם נישט באַריקזיכטיקן אויך די גרופּעס לעזער, אזוי אז ס'ווערן נישט שפּעציעל פאַרצייכענט אזעלכע וויכטיקע געביטן ווי שול-, קינדער- און יוגנט-ליטעראַטור. זיי זענען פאַרטיילט לויט זייער אינהאַלט אויף די איינצלנע גרופּעס, צומייסט אויף „שפּראַכוויסנשאַפט", „ריינע און אַנגעווענדטע וויסנשאַפטן", „געשיכטע און געאָגראַפיע" און אחוץ ליטעראַטור אין דער לעצטער צייט אויך אויף „סאָציאַלע וויסנשאַפטן".

טאַבעלע 4

נר.	געביט	1926	%	1927	%
1	אַלגעמיין	27	3·2	36	3·5
2	פילאָסאָפיע	6	0·7	18	1·7
3	רעליגיע	40	4·7	48	4·7
4	סאָציאַלע וויסנשאַפטן	228	26·6	242	23·4
5	שפּראַכוויסנש.	18	2·2	14	1·4
6	מאַטעמאַטיק נאַטורוויסנשאַפטן	20	2·3	29	2·8
7	אַנגעוו. וויסנש.	27	3·2	14	1·4
8	קונסט, שפּיל, ספּאָרט	21	2·3	22	2·2
9	ליטעראַטור	407	47·7	497	48·3
10	געשיכטע, געאָגר.	62	7·3	110	10·6
	ס"ה	856	100	1030	100

ווייזט אונז, אז די פּראָפּאָרציע-צאָלן זענען פאַר ביידע יאָרן כמעט קאָנסטאַנט, און זיי וועלן אזוי נאָך בלייבן א לאַנגע צייט, כל זמן מיר וועלן נישט פאַרמאָגן א גרעסערע צאָל אייגענע שולן און אייגענע וויסנשאַפטלעכע אַנשטאַלטן אין א גרעסערן מאַסשטאַב און ברייטער אויסגעבויט. און נישט נאר די ציפערן פאַר וויסנשאַפט זענען אזוי אָרעם און מאָגער, דער אינהאַלט זייערער איז אויך נישט א סך בעסער: ס'איז צומייסט פּאָפּולאַריזאַציע- און פּראָפּאַגאַנדע-ליטעראַטור אין בראָשורפאָרם, זעלטן ווען איבערזעצונגען פון פרעמדע גוטע ווערק. און כמעט איבערהויפּט נישט קיין אייגענע אָריגינעלע ווערק. נאר מיטן אינהאַלט פון די רובריקן 5 און צום טייל פון 9 האבן מיר זיך גאר נישט צו שעמען: יעדנפאַלס ווענן די אַנדערטהאַלבן ביז צוויי פּראָצענט, וואס אָט די גרופּע מאַכט אויס לגבי דער גאַנצער שאַפונג מער אײדער א סך פון די איבריקע וויסנשאַפטס-רובריקן, און דאס איז צו פאַרדאַנקען נאר די אמתדיק ווערטפולע אַרבעטן פון אונזער דריי אינסטיטוטן, דעם ווילנער, דעם מינסקער און דעם קיעווער. וועלן דאַן שפּעטער צו אָט די לינגוויסטישע און ליטעראַט-געשיכטלעכע אַרבעטן נאָך צוקומען די פאַרשידענע היסטאָרישע און עקאָנאָמישע און אנדערע, וואס ווערן איצט צוגעגרייט אָדער זענען צום טייל שוין ארויסגעלאָזט, דאַן וועט דער ניוואָ אויך פון די אנדערע טיילן פון אונזערער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור ווערן געהויבן.

אין דער פריערדיקער טאַבעלע אינטערעסירט אונז, אחוץ דער ציפער פאַר „סאָציאַלע וויסנשאַפטן", (וואס ווערט אין פאָרם פון בראָשורן א.א.וו. פאַרשפּרייט צומייסט אין די לענדער פון ראַטנפאַרבאַנד), די ניינטע רובריק „ליטעראַטור" מיט אירע באַלד 50 פּראָצענט. די רובריק נעמט ארום אי ליטעראַטור-וויסנשאַפט, אי בעלעטריסטיק. באַטראַכטן מיר נאר די בעלעטריסטישע שאַפונג ד. ה. די אייגענע און די איבערגעזעצטע, פון פאַרשידענע שפּראַכן, באַקומען מיר אָט די

ב. טוטשינסקי.

א זוניקער טאַלאַנט.

(י. קופּנים: „חדשים און טעג" פאַרלאַג קלעצקין 1929, וואַרשע).

די הערלדן פון דער יידיש-ליטעראַרישער פּובליציסטיק האָבן נישט ווינציג געזינדיגט מיט פּאָמפּעזן, נביאישן רעקאָמאַנדירן דעם פּובליקום טאַלענטן, וועמענס וויזיט-קאַרטע האָט נישט זעלטן געבליאַקעוועט נאָכן ערשטן, מערוויינדיקער, גראָטעסקע ערשטלינג; מוז מען זיין אביסל צופּיל פאַרזיכטיק-איבערקלוגעריש אָנרופנדיג אין יום-טובדיקן טאָן, א נייעם נאָמען. בנוגע אבער קופּנים, דעם יונגן יידישן פּראָזאַאיקער פון אוקראַינע, איז דערלויבט צו זינדיקן מיט נביאות-זאָגן: צופּיל רייף איז דאס איינציקע ווערק, וואס ליגט פאַר אונז, אידעאַל דער געבוי און קינסטלעריש-קאָנסעקווענט דער אינהאַלט. ס'אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז א קינסטלער, וואס קאָן דעם מענטש, האט ליב דאס לעבן און רעדט וועגן ביידע ווי פון א זוניגער שפּיל, וואס ווערט אַמאָל באַפלעקט מיט בלוט, יסורים און צער בלייבט דאָך אלס שפע פון אומבאַגרעניצטן, אייביק זיך באַוועגנדיקן גליק.

אויב ס'איז דערלויבט צו זוכן ביי וואָרט-אַרטיסטן השפעה-ירושה'ס דאַרף קופּנים צוגערעכנט ווערן צו די דאָזיקע, וואס אָריענטירן זיך לויט דעם ליכטשפּור, וואס איז פאַרבליבן נאָכן גרעסטן פון אונזערע מאָדערנע גרויסע — שלום-עליכם... אין זיין העלד דעם גאַרבער אייזיק (א „געזונטער טיפּ", אבער נישט יענקעל בוילע, נישט קיין העלד פון קוילער-גאַסל אין אונטערוועלט!) איז ער אַליין איינגעליבט איבער די אויערן און צוגעשניטן האָט ער אים אויך אזוי, אז מיר, לייענערס, זאָלן אים באַוואונדערן, פאַרשכורט ווערן פון זיין געזונטער לעבנס-אויפפאַסונג און אויספּראָפּאַגאַנדירט ווערן אין זין פון אַנערקענען דעם האָראָפּאַשנעם פּראָדוצירער פאַרן איינציקן ווערטפולן עלעמענט פון אונזער געזעלשאַפט. דאס קומט דערפון, וואס קופּנים איז א שרייבער א טענדענציעזער, פאַרמאָגט א פּאָליטישן אונטערמיין און קאָמענטאַטאָרן פון געוויסן לינקן חדר קאָנען ביי די ראַנדן פון די „חדשים און טעג" בויען פּתום מיט רעמעס פון זייער אידעאָלאָגיע. ער איז אָבער צופּיל פּראָזע-קינסטלער און די טענדענץ באַמבלט זיך ביי אים אַמאָל נאָך ווי אויף א שטריקעלע נאָכגעשלעפּט; אז דער לייענער זוכט נישט עקסטרא איר שפּעציפישן ביינעשמאַק, קאָן ער זי לייכט נישט באַמערקן און דאַן בלייבט איבער די געהויבענע קונסט-שאַפונג, וואס איז יעדן מבין צום האַרץ.

די אַקציע קומט פאָר אין אוקראַינע אין די גרויזאַמע פּעטליורע-טעג, ווען דער צאָרן פון דער געשיכטע גיסט זיך אויס אויפן יידישן ישוב. קופּנים האָט דריי פירטל פון זיין בוך געווידמעט אבער נישט דער היסטעריק פון באַשרייבן גרויליקע גרויזאַמקייטן און נישט פאַרצווייפלט געוואָרן פון דעם חורבן, וואס האָט געבראַכט די פאַרטיליגנדיקע פייער און שווערד אים איז געלונגען צו באַשאַפן און פאַרשטעלן א פּערזאָן, וועלכן נישט איין יידישער מחבר האט געזוכט און קורצזיכטיק פאַרזען.

אייזיק דער גאַרבער איז אַליין א נאַאיוו פאָלקס-קינד מיט א גראָבן קאָפּ צום לערנען און מיט א נאַטירלעכן ווידערווילן קעגן אלע בירגערלעכע צאַצקעס, וואס זענען צום האַרצן דעם שטעטלדיקן בעלהבית. ער איז פון די יונגע יידן, וואס חיישן דעם זיסן טעם פון אַרבעט נישט לויט די טעאָריען פון קאָנסטרוקטיוון איבערבוי פון אונזער לעבן. אין זיין סלאָוועשנע וואס ליגט צענטליקער ווערסטן פון דער באַן, האט ער די ליבע צור האַרמאָניע באַקומען בירושה פון גאַנצן משפּחהדיקן „בעל-מלאכה'שן שטאַם, פון דאַנען אויך זיין איינפאַכקייט, נאַאיוויטעט און פּאַטריאַכאַלישע ריינקייט אין א צייט פון שמוץ, בלוט און גלייבנסלאָזיקייט.

ער איז פון די רעזערוון פון יידישן פאָלק, וואס מ'האָט ביז נישט לאַנג צו דער דעה-שיסל נישט צוגעלאָזט און זיין אינהאַלט איז נאָך א הונגעריקער, די אַפּעטיטן זיינע זענען אומגעהויערע און די לעבנס-זאַפטן-פרישע, אראָמאַטע, וועלטן-באַשאַפנדע. ער איז פול מיט ליבע: צו וועלט, צו זון און ערד, צו די יידישע און קריסטלעכע שכנים, צו זיין יונגער מייד-ווייבעלע בוזי, צו אירע און זיינע פריינט, ער איז אזוי ווייט פון יידישער אויסגעוואָרצלטקייט, מרה-שחורה, אזוי ווייט פון די יידישע טראַדיציאָנעלע אויפפאַסונגען און יידישער פּסיכאָלאָגיע, וואס איז געוואָרן א שם דבר. ער וואַקסט ווי א בוים א יונגער, וואס האָט פעסטע וואָרצלען אין דער ערד, ענטפערט פרייליך יעדן ווינטל מיטן קאָפּ צוגעשאָקלט, זינגט און ברומט אונטער מיט די פייגלען-כאָרן אויף זיינע צווייגלעך. אייזיק האַרבאַרס פּנים איז נאַטירלעך נאר אין א זוניקן טאָג, ווען ס'איז זיך מזווג זיינער א ליבער שמייכל מיט א זונען-שטראַל. און אויף דעם דאָזיקן לעבן הויבט אָן טריפן סם פון בלוטיקע געשעענישן און סלאָוועשנער באַנדיטן שרייבן אונז אריין נייע פאַרבלוטיקטע בלעטער אין אונזער מאַרטירער-געשיכטע. ווערט אייזיק צעבראָכן? ווערט טריב זיין בליק און פאַרטונקלט דער מח מיט מרה-שחורה פון אומעכטיקייט?

אויף דערויף האָט אים קופּנים נישט נעדאַרפט אַרויסציען פון פאָלק-מקור ער זאל אים צוגעפּמישן אין כאָר פון אלע אונזערע פּאַסיווע קינה-זאָגערישע פּראָטעסטאַנטן: אייזיק גיסט זיך אָן מיט צאָרן צווישאַרפיקן: אויף די שכנים, וואס האָבן די תיהשע ציין און גיריקייט צו יידיש גוטס ארויסגעוויזן און צו דער יידישער פאַרלוירנקייט קעגן יעדער געשעעניש.

אים האָט קיינער וועגן קיין זעלבסטשוץ פון קיין פּראָגראַמאַטישע בראָשורן נישט ארויסגעלייענט, וואָלטן אבער אונזערע שטעטלעך באַזעצט געווען מיט אייזיקס פון דער נייער פאָרמאַציע, איז מעגלעך, אז די געשעענישן אין אוקראַינע וואָלטן אויסגעזען אַנדערש. ער ווייסט, וואס הייסט אָרגאַנישע ליבע צום פּראָדוצירטן, צו אייגענער שאַפונג, ער איז צוגעגרייט פאַר איינגעפונדעוועטן לעבן ער לאָזט זיך נישט לויפן גלות פּראַזען ביים ערשטן טרייבן מיט א צווייגל; אים קאָן מען אומברענגען. נישט פאַרטרייבן ווי אן אַלט-געוואָרענע שטויב-בהמה. זיין קללה איז מיט בלוט דורכגעהייקט און איז נישט יידיש-פּלאָנטאַניש און, ווען זיין מויל פרעגט אזוי רוהיק, נאָכן פּאָגראָם; „און ווען וועט מען קוילען שיקסעס?!" כאַפּט אָן א גרויל פאַר דעם צאָרן פון א מענטש וואס בלוט האָט ביי אים גערייצט דעם איינגעשלאָפענעם, פאַרמבולדיקן ווילן צו פאַרגיסן פרעמד בלוט.

דער היה אין אים דאַרף אבער קיינעם נישט קימערן, אייזיק פאַלט דערפון ביי קיינעם אין די אויגן. ס'איז דער איינציקער יונג אָפּגעראַטעוועט צו ווערן פון יאַיש און, ווען דער שטורעם וועט פאַריבער, וועט אייזיק איבערציילן די וואונדן, אויסגלייכן דעם קאָפּ, אים אויפרייבן ווידער צור זון און הייזן א פּנים אבות דורכגעאַקערט מיט קנייטשן פון דער צייט — וואס איז ווידער זי אָנגעמאָסטן זיך צו באַהעפטן מיט ליכט און אויסשטראַלן פון זיך נאַטור-מיסטיקע שמייכלען פאַר דער וועלט און דעם לעבן.

א נייער מענטש, א נייער ייד, א קינד פון אונזער דור, וועלכן קופּנים'ס ליכטיקע קינסטלער-אויגן האבן אזוי גליקלעך פאַר אונז אַנטפּלעקט.

——

בריוו צו די „טשערנאָוויצער בלעטער“.

יידיש אין רומעניע.

השובע רעדאַקציע!

אין נר. 6 פון די „טש. בל.“ האָט ה' סופר אין זיין אַרטיקל „איך לעזע קיין זשאַרגאָן“ אָנגעוויזן אויף די באַציונגען פון א גרויסן טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ צו יידיש. אָט די באַליידיקונג אויפן אדרעס פון די „טש. בל.“, וועלכע ס'האָט זיך ערלויבט דר. ב. פון ראַדעוויץ איז א שטאַרקע פּראָוואָקאַציע פאַר אַלע פריינט פון יידיש איז א שפּיי אין פּנים אונז אומאַטום ווו מיר געפינען זיך. טרויעריג איז נאָר, וואָס מיר מוזן פירן א קאַמף אויף א טאָפּלטן פראָנט. אויף איין זייט מיט פאַרביסענע אַסימילאַנטן און אויף דער אַנדערער מיט אינגאָראַנטן און אַזעלכע וואָס ווילן פון יידישער שפּראַך און קולטור גאָר נישט הערן. די יידישע יוגנט אין רומעניע איז שטאַרק אַסימילירט. זי וויל זיך נישט באַנוצן מיט יידיש און באַטראַכט רומעניש אַלס מוטערשפּראַך. דער עלטערער דור איז שטאַרק פאַרגרעבט און האָט נישט קיין אינטערעס פאַר יידישע ענינים. ער האָט אויך קיין פאַרבינדונג מיט דער ייד. פּרעסע. אין דער רומענישער ציימונג אין בוקאָווינע אין דער דייטשער און זיבנבירגן אין דער אונגאַרישער — געפינט ער זיין גאַנצע גייסטיגע שפּייז. דאָס פּראָסטע יידיש מיט וועלכן ס'שעמען זיך די אינטעליגענטן איגנאָרירט ער. זיין מינדערווערטיקייטס-געפיל לאָזט עס נישט צו ער זאָל האָבן א פּאָזיטיווע שטעלונג צום לשון פונם המון, פון די מענטשן אין אונטערגאַס. אָבער מיר מיר, מוזן זיך אויך צושרייבן א טייל פון דער שולד: האָבן מיר געבויט שולן וועלכע זאָלן אויסלערנען לייענען יידיש? האָבן מיר געפּלעגט קולטור-קרייזן וועלכע זאָלן פאַרשפּרייטן די יידישע ליטעראַטור און די ליבע צו אירע אוצרות? האָבן מיר גענוג אויפגעקלערט, אַז ס'זאָל צעשטערט ווערן דער בלבול פון א זשאַרגאָן? ניין! מיר האָבן אַלע געזינדיקט און זינדיקן ווייטער. די פאַרהאַנענע כוחות גרופּירן זיך נישט אַרום איין צענטער, פון וואַנעט אויס מ'זאָל פּלאַנמעסיק בויען דעם געביי פאַר יידיש, א תוהו ובהו הערשט אין אונזער וועלט און דערפאַר איז נאָך שווערער אונזער אויפגאַבע, דערפאַר נאָך אחריות-פולער דאָס שליחות פון דער ייד. פּרעסע.

באָריס ווייסמאַן, בוקאַרעשט.

צום XVI-טן ציוניסט. קאָנגרעס

השובע רעדאַקציע!

דריי יאָר טיילן אונז אָפּ פון דער צייט ווען די ציונ. אָרגאַניזאַציע איז נאָך געווען א גאַנצעס, איין שטאַרקע אַרבעטס-געמיינשאַפט וועלכער האָט געהאַט איין ציל פאַר זיך: אויפצובויען דאָס לאַנד. אין די 3 יאָר האָט זיך פונאַנדערגעפּלאַקערט דער קאַמף אין די אייגענע רייען. האָט זיך דערהיצט דאָס מחלוקת, שטאַרקט זיך דאָס רייסעניש אין פאַרעקשנטע גרופּעס פירן אַן אומגעציקע מלחמה צווישן זיך, און האָבן שוין פאַרגעסן דעם אייגנטלעכן ציל און ס'איז נישט מער ווי א קאַמף לשם קאַמף, דאָס גרויסע יידישע פאָלק מיט זיינע אַלע ענערגיעס, קרבנות, טאַלאַנטן און מאַטעריעלע אוצרות קען נישט עפּעס אויפטון, א דאַנק דעם וואָס ס'איז נישט מעגלעך זיך פרידלעך ווענן עפּעס צוזאַמענרעדן. די רעזאָלוטאַטן ביז היינט באַרעכטיקן בשום אופן נישט די מעשים און דער געהין פון די אויסגעלייזטע דונאַמ'ס אין ארץ איז קלענער פון דעם שאָדן אין מענטשן, וואָס מיר פאַרלירן אַלץ מער.

די לעצטע דריי יאָר האָבן פאַרקליינערט און פאַרשמיילערט אונזערע רייען פאַרטייען האָבן זיך געשפּאָלטן, פראַקציעס געטיילט, יעדער האָט געעפנט באַזונדערע קלובן-ערמיטאַזשן, מיר האָבן פון זיך געשניטן אברים און זיי געוואָרפן אין אַלע ווינקלען! אין דריי יאָר צווי קאָנגרעסן, א רייע קאַמפּיינס אויף א גאַנץ קרענקלעכן אופן דורכגעפירט, א משוגעת פון אוזורפאַציע — אַלץ האָבן מיר געטון וואָס איז מסוגל צו טויטן די אידעען, אויפצוהרגענען די אידעאָלאָגיע. מיר האָבן פאַרגעסן אין דער דעמאָקראַטיע פון וועלכער מיר רעדן ביי יעדער געלעגנהייט, און פרייהייט פון אַרבעט און גלייכהייט פון רעכט זענען נישט מער געווען ווי לייזיקע פראַזן. מיר צעטרייבן אַליין די מיטאַרבעטער און קענען ישט באַהערשן די אַרבעט ווי ס'געהער, צו זיין.

וואָס איז די סבה פון דער דעסטרוקטיווער טענדענץ אין ציוניזם? ווער האָט עס פאַרשולדיקט און וויאַזוי מוז מען אָפּהעלפן?

ס'וואָלט געווען איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן פונם 16-טן קאָנגרעס צו באַשטימען א קאָמיסיע, וועלכע זאָל אויסאַרבעטן א פּלאַן פון דערנענטערן די פראַקציעס און פאַרטייען צום ציוניזם, שאַפן ווידער די אַטמאָספערע פון צוזאַמענאַרבעט און מעגלעכקייט פון צוזאַמענרעדן זיך ביי יעדער געלעגנהייט. דאָס וואָלט געווען א באַגייאונג פאַר דער ציונ. באַוועגונג, א צעטרייבן פון די שוואַרצע כמאַרעס וועלכע פאַרטונקלען היינט אונזער הימעל.

מאיר שטיינבערג, סעקורען.

„די רויטע געפאַר!“

עס איז מיר שוין אייסגעקומען אמאָל צו שרייבן אַן אַרטיקל איבער סטודענטן-ענינים — האָב איך טאַקע געהאַט מיין 'הערליך אויסקומעניש'. חברה האָבן מיך פּשוט געוואָלט דורס זיין.

שטן האָט אָבער דעם קאַטער — און איך לייען אין „אונזער צייט“ נר. 2037 אַן אַרטיקל פון ה' י. שעכטמאַן, א. נ. „צווישן דער יידישער סטודענטנשאַפט אין פראַנקרייך“, אין וועלכן ער טאַדעלט די קאָמוניסטישע סטודענטנשאַפט און באַשולדיקט אויך די צו זיי צוגעשטאַנענע לינקע ציוניסטן — „פּועלי-ציון“ און „השומר-הצעיר“. דערמאַן איך זיך אין מיין יאָר סטודענטן-לעבן אין מוז ווידער אמאָל עפּעס פונם חדר אויסזאָגן.

עס איז געווען אין דער צייט פון שאַפן א פעדעראַציע פון יידישע סטודענטן אין בעלגיע. אויף דעם קאָנגרעס וואָס איז פאַרגעקומען אין בריסל זענען געווען פאַרשטייערס פון פאַרשידענע גרופּירונגען. ביים אָפּשטימען די פּרינציפּיעלע פראַגע צי פּאַרטיידיקט די פעדעראַציע די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון דער סטודענטנשאַפט צי ניין — האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די מערהייט איז קעגן דעם. ווייל פון די קאָמוניסטן איז דאָך אָפּגערעדט, נאָר אויך די „פּועלי-ציון“ און די „צעירי-ציון“ האָבן געשטימט קעגן אַרויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפּונקט אַז די פעדעראַציע ווערט געשאַפן נאָר כדי צו פאַרטיידיקן די פּראָפעסיאָנעלע און עקאָנאָמישע אינטערעסן פון דער סטודענטנשאַפט, און טאָר נישט און קאָן נישט צווינגען די נישט-נאַציאָנאַלע סטודענטן זיך אָרגאַניזירן אין א נאַציאָנאַלער פעדעראַציע. די עלעמענטן פון רעכטס אָבער האָבן דאָס נישט פאַרשטאַנען און דורך פאַרשידענע דעמאַגאָגישע מיטלען דערפירט צו אַן איבערשטימונג ווי איניקע פּחדנים האָבן מער נישט געשטימט און ס'איז געשאַפן געוואָרן א „כמו-פעדעראַציע“ פון יידישע סטודענטן וועלכע נעמט נישט אַרום די גאַנצע יידישע סטודענטנשאַפט אין בעלגיע.

אין נאָך א שאַרפערער פאָרם האָבן די יידישע פאַשיסטן (כ'מיין דאָ דעם ה' י. שעכטמאַנס פּאַרטיי-חברים) באַוויזן זייער פּרצוף אין גענטער פאַריין ווי זיי האָבן געבראַכט דערצו: אַז דער גענטער פאַריין — דער שטאַרקסטער און ווירקזאַמסטער אין בעלגיע — האָט זיך געמוזט שפּאַלטן, ווייל די ברית-טרומפּעלדאָרניקעס האָבן נישט דערלאָזט קיין שום מעגלעכקייט פון בשותּפותדיקער צוזאַמענאַרבעט. דער קאַמף איז געפירט געוואָרן אויף די שאַרפסטע אופנים און האָט געבראַכט דערצו אַז דעם לעצטן טאָג פאַר מיין אוועקפאָרן בין איך בייגעווען א געשלעג — צווישן די יידישע סטודענטן — ווי ס'זענען געפלויגן אין דער לופטן בענקלעך, טישלעך, מעסערס און טעלער מיט זופּ. און דאָס מאָל פּראָוואָצירט דווקא נישט פון די „רויטע“ נאָר פון די יידישע שוואַרצע-העמדלעך.

עס איז אונז זיכער נישט אַנגענעם צו שטען ביי דער אַרבעט מיט די וועלכע באַקעמפן יעדער נאַציאָנאַל-קולטורעלע אַרבעט, אָבער ס'איז נאָך ערגער צו אַרבעטן מיט אַזעלכע רעוויזיאָניסטן וועלכע שרייען בקול רם אַז זיי זענען מאַרקסיסטן!

און צו ה' שעכטמאַנס באַהויפּטונג אַז פאַר א טייל פון דער ציוניסטישער יוגנט זענען די קאָמוניסטן נענטער ווי ציוניסטן, געבן מיר צו אַז אין איניקע פאַלן איז ליבער צו גען מיט די וועלכע זענען אפשר נישט ריכטיקע סאָציאַליסטן איידער מיט די וועלכע זענען אמתע פאַשיסטן און ריכטיקע כוליגאַנעס.

י. שכאַלניק, טשערנאָוויץ.

דער גורל פון דער בוקאָווינער יידישער לאַנדווירטשאַפט.

חשובע רעדאַקציע!

אין נומער 4 פון אייער ציימונג ברענגט איר א בריוו פון א יידישן לאַנדווירט בנוגע דעם יידישן פויערנטאָג, וואָס איז מיט א יאָר צוריק אויף איניציאַטיוו פון דער געזעלשאַפט „אָרט“ אָפּגעהאַלטן געוואָרן. איך דערלויב מיר צו דער אַנגעווייטיקטער פראַגע פון די יידישע לאַנדווירטן אין בוקאָווינע צו מאַכן א פּאָר באַמערקונגען.

אַרום די שטעט טשערנאָוויץ, סטאָראָזשינעץ, וויזשניץ, האַשקאָוויץ, קאָצמאַן און זאַסטאַווע זענען נאָך מיינע פעסטשטעלונגען פאַראַן אַן ערך פון 1000 יידישע משפּחות, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט לאַנדווירטשאַפט און לאַנדווירטשאַפטלעכע נעבן-פּראָדוקציעס, ווי גערטנעריי, פיצוכט, מילך-ווירטשאַפט א. א. וו. פאַר דער מלחמה איז די צאָל געווען צום מינדעסטן א טאָפּעלטע.

בעת די יידישע עפנטלעכקייט אין דער גאָרער וועלט באַשעפטיקט זיך מיט דעם פּראָבלעם פון איבערפירן די יידישע מאַסן צו פּראָדוקטיווע באַרופן און באַזונדערס צו לאַנדווירטשאַפט, דערלאָזט מען עס רוהיק אַז אַזא שטאַרקער קיבוץ פון יידישע לאַנדווירטן, וואָס זענען זייט דורות פאַרפעסטיקט אין די באַרופן, זאָל ביסלעכווייז פאַרשווינדן, כאָטש מיט א גאָר גערינגער הילף, וואָלט דער קיבוץ געקאָנט נישט נאָר באַפעסטיקט נאָר אויך ווייט אויסגעבויט ווערן.

פון דעם שטאָלצן בוים, פון יידישער לאַנדווירטשאַפט אין בוקאָווינע, פאַלט פון טאָג צו טאָג אָפּ א צווייג און א צווייגל און ס'איז א גרויסע סכנה אַז באַלד, באַלד זאָל אויך דער שטאַם צו גרונד גיין.

די יוגנט וואַנדערט אויס פון דאָרף, ס'רוב ווייל די ווירטשאַפט איז צו קליין, ס'פעלן די מיטלען פרעמדן באָדן צו דינגען, גרעסערע ווירטשאַפטן ווערן צוליב מאַנגל אַן קרעדיטן פאַרצעלירט און די פון דער מלוכה אונטערשטיצטע רומענישע קאָאָפּעראַטיוון וועלן זייערס טון, און 1000 ייד. משפּחות וועלן אין א קורצער צייט זיך איבערציען אין שטאָט, פאַרמערן די צאָל פון קרעמליך, מעקלער און לופט-מענטשן.

אויף דעם פאַריאָריקן פויערן-טאָג, ביי וועלכן ס'זענען געווען א חוץ די פאַרטרעטער פון די פאַרשידענע פונסטן, אויך פאַרטרעטער פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס און פון דער צענטראַל-פאַרוואַלטונג „אָרט“ האָט מען מיט גרויס התלהבות געריידט וועגן הילף פאַר די יידישע פויערים, אָבער ס'האָבן געקרעכצט די בערג און ס'איז אפילו נישט געבוירן געוואָרן א מויז!

פון דער דאָרט באַשלאָסענער קאָאָפּעראַטיווע האָט קיינער מער נישט געהערט, די הייליק צוגעזאָגטע הילף האָט קיינער נישט געזען. און דאָך איז עס א פאַרברעכן, וואָס די יידישע עפנטלעכקייט אין בוקאָווינע ווענעגסטענס, גייט איבער דעם פּראָבלעם שטילשווייגנדיק אַריבער.

ווייל ס'איז אויסגעפאַלן פון נידריקע פּערזענלעכע רייסענישן, מ'טיילט זיך מיט כבודמלעך — און מ'האָט קיין צייט נישט פאַר ערנסטע פּראָבלעמען.

א. ד., ווישניץ.

טאַבעלע 5.

[illegible]	איבערזעצטע ליטעראַטור פון									
	[illegible]	[illegible]	[illegible]	[illegible]	[illegible]	[illegible]	[illegible]	[illegible]	[illegible]	[illegible]
282	9	15	4	21	3	1	16	3	20	8
282	100									

דאָס פאַרהעלטניש צווישן די ציפערן פון אייגענער ליטעראַטור און דער פרעמדער איז נישט קיין שלעכטס און אַן אומגעזונטס אויך נישט: אייב ס'פעלט אויף כמעט דריי ווערק אייגענע איינס אַן איבערגעזעצטס, איז דאָס נישט קיין סימן פון פאַרפלייצונג מיט פרעמדע ליטעראַטורן און אויך קיין סימן נישט פאַר אייגענער נישט-פּראָדוקטיווקייט, כאָטש די ציפער 282 נעמט זיך נישט נאָר פון ניישאַפונגען, נייערט פון איבערדרוקן און נייע אויפלאַגעס וכדומה. אויך אַזוי ווייט ס'ווענדט זיך נאָר אין דער ציפער אַליין, שטייען מיר אין דעם פּרט נישט שלעכטער ווי די אַנדערע פעלקער, אפשר אפילו אמאָל נאָך בעסער פון איניקע. טוט מען אָבער א פרעג, צי זענען די 30 פּראָצענט פרעמדע ביכער ווערט געווען, צו ווערן איבערגעזעצט אויף יידיש, צי האָבן זיי גענוצט עמיצן, אַזוי מוז מען, איבערקוקנדיק נאָך א מאָל די גאַנצע רשימה, ענטפערן, אַז לויט אונזער מיין, האָבן אפילו די פאַרלעגער קיין גרויסן נוצן נישט געקאָנט האָבן אין די מיינסטע פאַלן. ווער וועלט עס דאָס אויס די ביכער פאַר די פאַרלעגערס, ווער זענען די „לעקטאָרן“, וואָס עצהן אָדער באַשטימען, דאָס ביכל זאָל ווערן איבערגעזעצט און דאָס נישט? ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז זיי קאָנען נישט פיטערן דעם עולם מיט „ערשטער“ ליטעראַטור (כאָטש דאָס איז נישט פאַרשטענדלעך) נאָר אַזוינע דווקא אַרויסצוזוכן פערט- און פינף-ראַנגיקע ליטעראַטור — דאָס איז נישט משיג צו זיין.

וואָלטן מיר שוין געהאַט אויפגענומען פון די פרעמדע ליטעראַטורן דאָס אייביק-לעבעדיקע, דאָס דויערנדיקע, — מאַכטייסע — וואָלט נישט געשאַדט אמאָל א קליינער טעות. נאָר דאָס גוטע האָבן מיר נאָך אַלץ נישט — און מען גוט אונז ווייטער דאָס איינטאָגיקע. — (דערביי איז נישט גערעדט פונם שפּראַכלעכן ווערט פון די איבערזעצונגען, וואָס איז אַן אָנגעווייטיקט פּראָבלעם פאַר זיך באַזונדערס).

דער איצטיקער אינטערנאַציאָנאַלער פען-צוזאַמענפאָר האָט געזעצט אַלס איינציקן פּונקט אויפן סדר-היום, צו ברענגען אין א געוויסע אָרדנונג די שטאַרק פאַרווילדערטע טעטיקייט פון די איבערזעצער ביי אַלע פעלקער דורך פאַרפאַסן רשימות פון קוואַליפיצירטע ווערק און קוואַליפיצירטע איבערזעצערס. האָפן מיר, אַז די באַראַטונגען וועלן אויך פאַר אונז זיין צום גוטן.

וועגן די אָריגינאַל-שאַפונגען פון דער „יידישער ליטעראַטור“ איז דאָ נישט דער אָרט, זיי באַזונדערס צו באַהאַנדלען. צוליב איבערזיכטלעכקייט קומט דאָ נאָך א טאַבעלע לויט דער פאַרטיילונג אויף די איינצעלנע מינים:

פּאָעזיע	דראַמעס	פּראָזע	פאַרש.	ס"ה
65	58	154	5	282

ביבליאָגראַפ. נאָטיצן.

„איינס“.

שריפט פאַר ליטעראַטור און קונסט, אַרויסגעגעבן פון יידישן ליטעראַטן- און זשורנאַליסטן-קלוב אין א"י.

תל-אביב, אַפּריל, 1929.

נישט נאָר פּעטרושקאַ'ס „געפערליכער“ אַרטיקל אַליין, פאַר וועלכן ער האָט געכאַפּט אַזא האַרבן פּסק, האָט דערוועקט ביי אונז דעם אינטערעס פאַר „איינס“.

מיר זענען טאַקע געווען להוט צו באַקאָנען זיך מיט די שאַפונגס-פאָרמען פון יענעם שרייבער-קבוץ, וואָס האָט גענומען אויף זיך צו קעמפן פאַרן יידישן וואָרט אין א"י. און אָט איז דאָס דאָזיקע זאַמעל-ביכל, און מיר וועלן פּרוּוון כאַפּן א קוק אין תוך.

פּאַפּערניקאָוו'ס סעריע לידער „פון איינע אַליין“, פאַרמאָגן אין זיך, נישט קוקנדיק אויף דערויף, וואָס ערטערווייז חזרן זיי נאָר איבער, פרעמדע, שוין פון-לאַנג אויסגעזונגענע מאָטיוון. זאַפטיקייט און לעבעדיקן אימפּולס.

די לידער פון נ. גראָס זענען שטאַרק געפּרעסט דורך שווערע טריט פון א קלערנדיקן מח. באַזונדערס איז עס צו באַמערקן אין דעם לעצטן ליד „וונדערבאַרע ווינטער-אָוונט“. „נביא-צלח“ פון י. שטאַל פאַרמאָגט אין זיך א ים מיט מליצה, געהייבענע פראַזן, אין סתם שיינע ווערטער אָבער טאַקע נישט מער.

דעם קנאַקנדיקן „מאַניפעסט פון טראַסק אויף יאָר 1929“, לייענט מען מיט א געוויסער טשיקעוועקייט. פון א קינסטלערישער שאַפונג איז עס, אָבער, גאָר ווייט.

אצינד וועגן דער פּראָזע. ש. אייזנבאַנ'ס „שקיעה“, וואָס איז אביסעלעכע אומקלאָר לויט דער טעמאַ אין צעפלאָסן אין דער האַנדלונג דערוועקט אין אונז געפילן פון ראָמאַנטיק און רופט אַרויס געוויסע, עמאָציעס. אייזנבאַן איז א טאַלאַנט, וועלכער וועט זיך ערשט צעוואַקסן.

און ווי עפּעס א מין מיש-מאַש פון געשעענישן, וואָס שוועבן א דורך פאַר אונזערע אויגן, אָן א שום לאָגישן סמיכות-הפּרשיות, זעט אויס י. שאַרגעל'ס „פאַרשפּילט“. ער איז אויך אומבאַהאָלפן אין סטיל.

יוועלן און זייגערס בוכהאַלץ, נאָר רינגפּלאַץ 6

29 יאָר דאָס פאַר־טרויען פון די קונים.

אין „איבערפלאַניק" פון א. ר יוועס, פעלט די אײנגעטלעכע טעמע, אבער דער אופן פון דערציילן זאנט עדות, אז דא האבן מיר צו טון מיט א נאר פיינעם נאָוועליסט, וואס האט א חוש פאר הארמאָניע און ווייסט דעם סוד פון יצירה. „די מעשה מיט די פיר קרינלעך" פון א. ב ל י י, איז נישט שלעכט נאכדערציילט, אבער זער שוואך אינטערפרעטירט. די דאָזיקע מעשה גליוערט אויף אַ בלוט-אָרמען פאן פון א נארישן „מוסר-השכל", און ס'באוועגט זיך נישט אין איר קיין שום לעבעדיקער אבר.

און אחרון אחרון די ארטיקלען. זיי, די אינטערעסאנטע און רייכהאלטיקע ארטיקלען זענען אביסל מכפר אויף די שוואכע זייטן פון די לידער און פראָזע-אָפטיילונגען.

דר. ר א פ א ל ק ע ס, פאלעמיזירט מיט ד ו ד א יי נ ה אָ ר ן וועגן שטאָט און שטעטל, ריכטיקער וועגן דער באקאנטער טעמע פון קונסט, לשם קונסט, אדער קונסט אלס מיטל, און קומט צום אויספיר „אז אלץ, וואס וועט וועלן שאפן דעם רענעסאנס" צוריק צום שטעטל, איז פארמשפט צום טויט".

ביי פעטרושקען, נעפונען מיר, וועגן דער פראגע פון צוקונפט פון יידיש און העברעאיש אין א"י, א פאר „דברים של טעם", וואס זענען ווערט מ'זאל זיך אויף זיי אָפשטעלן. אינטערעסאנטע, אבער נישט אינ-גאנצן ריכטיקע, זענען די אויספירונגען פון ד נ י א ל ל יי ב ל, אין זיין ארטיקל „צווישן צוויי דורות".

סך-הכל: די ערשטע ביכורים פונם יידישן שרייבער-קבוץ אין א"י האבן נישט געבראכט קיין שום נייעס, אבער רעכנענדיק זיך מיט די שווערע באדינגונגען, אין וועלכע ס'קומט זיי אויס צו ארבעטן, — נישט אנטוישט.

לאמיר האָפן, אז די ווייטערדיקע העפטן, זיי — וועלן שוין שטארקער און מיט מער ווירדיקייט, דערפילן זייער שליחות, צו זיין די טרעגער פונם פרייעם יידישן געדאנק, און יידישער שפראך, אויף דער ייד. ערד, אין א"י. א. מ.

—

פריינט פונם יידיש-וויסנש. אינסטיטוט, אָפטיילונג טשערנאָוויץ.

נאָך לאנגע פארהאנדלונגען און צוגרייטונגס-ארבעטן איז דינסטאָג פאָרגעקומען די קאָנסטיטואירונג פון דער טשערנאָוויצער אָפטיילונג פון די פריינט פונם ייוו"א.

די ה"ה דר. ב ע ר נ פ ע ל ד און ס ו ר ק ע ס האָבן רעפערירט וועגן דעם אויפטו און באדייטונג פונם ווילנער אינסטיטוט. נאָך א דיסקוסיע ביי וועלכער ס'האָבן אנטייל גענומען די ה"ה לערנער, דר. דיאמאנד שווארצמאן, וויינינגער, דעליגדיש און סופר איז גע-ווילט געוואָרן א זיבנגלידעריקער קאָמיטעט, וועלכער וועט אָנפירן מיט דער ארבעט. דער קאָמיטעט וועט זיך אין אייניקע טעג ווענדן צו דער עפנטלעכקייט וועגן מאטעריעלע הילף און זאמעל-ארבעט פארן ייוו"א.

דער אדרעס פאר בריף איז:

Arch. I. Schwarzmann, Cernăuţi
strada Iancu Flondor Nr. 13.

אדרעס פאר געלד:

Banca Centrala evreasca,
conto „Wilner Institut"
Cernăuţi, Regina Maria 33.

יידי. שולפאריין פאר דער בוקאָווינע.

ש ב ת, דעם 6-טן יולי 1929, 8 א זייגער אין אָוונט
:: :: :: אין ר א ט ה ו י ז-ז א ל

פאָרטראג פון איציק מאנגער

איבער דער טעמע:

סאָציאל-קינסטלערישע מאָמענטן אין יידישן פאלקלאָר.

טעזיסן: 1) די מאסקע פון געלעכטער. 2) ווער איז הערשאלע אסטראָפאליער? 3) דער עקספאַנענט פון ארעמקייט. 4) דער שווארצער רבי איז דער הויטער ליך. 5) פינאל פון אנעקדאט. 6) בעלעם און נאָך עפים.

Med.
Dr. Karl Seidner

געוועזענער לאנגיאָריקער דאָקטאר ביי דער כירורגישער אָפטיילונג פונם פרימאריוס דר. י. פיליפאָוויטש און פונם סאנאטאָריום „הערא", שפעציאליזירט אין ווין (קליניק פראָפ. וויזער, פראָפ. פיכלער) אָרדינירט פאר

צאָנפלעגע און צאָנכירורגיע

ראטהויזשטראָז נר. 25 פון 6—12, 3—6

Med. Dr. Konrad Merdler

פאר פרויענקראנקהייטן (שפעצ. קוואלע דיאגנאָסטיק און באהאנדלונג פון עקרות

אקאָשאר און אינערע קראנקהייטן

רוסישעגאס נר. 19 (הויז דר. זאלאָזיעצקי)
11—1, 3—6

סעזאָן פונם 1-טן יוני ביזן 30-טן סעפטעמבער.

GOVORA קוראָרט

מינעראל-וואסער, יאָד- און סירקע-וואסער, וועלכע ווערן רעקאמאנדירט בא כראָנישע רעוומאטיזם, אר-טריטיזם, פאדאגרע, סיפיליס, הויט-קראנקהייטן און בראכן.

פיזיא טעראפיע, אינגאלאציעס, פולווערידזאציעס, גע-פרעסטער קוילן-זויער ליפט, ווי אויפן קוראָרט רייכנ-האל. עלעקטרא וואסערוואנעס, דיאטערמיע, רענטגען- אולטרא-פיאלעט שטראל.

האָטעל פאלאס באזיצט מאָדערנעם קאמפאָרט.

דער קוראָרט **קאלימאנעשט-ראטשיולאטא**

מינעראלע סירקע-וואסער. אָפּפיר-וואסער צום טרינקען, וועלכע ווערן רעקאמאנדירט בא רעוומאטיזם, אנעמיע, לימפאטאן, מינדען א. ז. וו.

פיזיא-טעראפיע און הידרא-טעראפיע, אינגאלאציעס' פולווערידזאציעס, דיאטערמיע, בלאטע-וואנעס און קוילן-זויער פיאלעט און רענטגען שטראלן.

דער גרויסער האטעל פון דער געזעלשאפט באזיצט אלע באקוועמלעכקייטן.

מ'קאָן זיך באָדן אין טייך, פאראן א פליאזש ביים טייך אלטא.

קאטשיולאטא מינעראלע, סירקע און ראדיאָ-אקטיווע וואסערן, וועלכע ענטהאלטן אין זיך קאלצי, וואָס איז אומפארגלייכלעך נוטיג ביים היילן פון ניר, לעבער, השתנה-רערן (שטיינער, זאמד), פאדאגרען ארטריטיזם.

אין יוני און סעפטעמבער לויט א פארקלענערטן טאריף אויף וואנעס און האָטעל.

נאָך אינפאָרמאציעס זיך ווענדן:

Soc. Calimaneşti-Govoara Bucureşti I, str. Brezeanu 44

אדער צו דער אדמניסטראציע פון קוראָרט.

פאר דעם אנאָנסן-טייל נעמט די רעדאקציע נישט איבער קיין שום אחריות.

אינטערעסענטן פון מאָטאָררעדער

דאס לאנג-דערוואַרטעטע

ראָד-D

מאָדעל 1929

איז שוין אנגעקומען. מ'קאָן עס זען און יעדן התחיבות עס צו קויפן אין ביוראָ

„MOTOCAR"

פארטרעטונג פאר בוקאָווינע און צפון-מאָלדאווע.

טשערנאָוויץ, לאנדהויזגאס 3.

פארשידענע מאָדעלן. אויסצאָלונגען ביז 18 חדשים.

פארבעריי און כעמ. רייניקונג

„RECORD"

אָ. גראָס,

טשערנאָוויץ: רוסישעג. 7: ראטהויזשטר. 25.

רייניקט, פארבט, אלצדינג

ספעציאל-אָפטיילונג: הערנהוט-רעפאראטורן

נעגרינדעט אין יאָר 1899.

די

טיפאָגראפיע מ. עבנער

טשערנאָוויץ, הויפטשטראס 8

ליפערט פראָמפט און ביליק כלערליי דרוק-סאָרטן, צייטונגען, בראָשורן, בריפן און קווערטס, מעמאראנדן אפישן, עטצ. עטצ.

שטאמפיליען - ערצייגונג.

זעצ-מאשין און סטערעאָטיפ-באטריב.

איר ווילט זיין ריין

פון

פרישצעס, פלעקן און אויסשראגן?

נעברויכט נאָר די קרעם, זייף, און שפיריטוס מארקע

„MINERVA"

נאָר עכט פונם דעפאָט.

Parfumerie Dauber

טשערנאָוויץ, טעמפעלגאס 1 (עק רינגפלאץ)

בעלעטריסטישע און וויסנשאפטלעכע ווערק אין אלע שפראכן

געפונען זיך אין דער

בוכהאנדלונג

דר. י. בערנפעלד

עט קאָ.

טשערנאָוויץ

סטראדא יאנקו פלאנדער (הערנגאס) 22

טרינקט נאָר דאס פון אלע אנערקאנטע בעסטרענאָמירטע

יופיטער-ביר

און

פאָרטער-ענגלעז

פאר פעלשונגען און נאָכגעמאכטן ווערט געוואָרנט:

בערעזא.

אבאנירט דעם אמאָפהענגיגן ארגאן „טשערנאוויצער בלעטער"

נאר אויף א שריפטלעכער מעלדונג ווערט אָפּגעשטעלט דאס צושיקן פון די „טש. בלעטער".

„אונזער צייט"

8-טער יאָרגאנג. די איינציקע טעגל. אידישע צייטונג אין גאנץ רומעניע

באזאָרגט מיט פרישעסטע און בעסטע אינפאָרמאציעס סיי אלגעמיינע, סיי ספּעציעל פון אידישן לעבן.

אין „אונזער צייט" נעמען אנטייל די בעסטע זשורנאליסטישע און ליטעראַרישע כחות פון לאנד און אויסלאנד.

ספעציעלע באשטענדיקע קאָרעספאָנדענטן אין א"י, אמעריקע, פראנקרייך, ארגענטינע, בראזיליע, דייטשלאנד, פוילן, עסטרייך א. א. וו.

„אונזער צייט" איז די פארשפרייטסטע צייטונג, אין גאנץ בעסאראביע.

א רעקלאַם אין „אונזער צייט" איז די בעסטע גאראנטיע, אז יעדער אידישער סוחר, קרעמער און געברויכער וועט וויסן וועגן אנאָנסירטן.

ליינט, פארשפרייט, אבאָנירט און אנאָנסירט אין דער צייטונג „אונזער צייט".

אבאָנאמענט-פרייז: 1 ח' 95; 3 ח' 260; 6 ח' 480 לײ.

אנאָנס-פרייז: 1 שורה נאנפאָרעל אויף דער ערשטער זייט 12 לײ, אויף דער 3-טער זייט 8 לײ

אדרעס פון קאנטאר און רעדאקציע:

„Unser Zeit" Chişinău, strada Şmidt 96 — 401 טעלעפאָן

Editor şi Redactor răsponsabil: S. A. Soifer.

Tipografie E. M. Ebner, Cernăuţi, str. Regele Ferdinand 8